**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 02/18/2026 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול מעלדט 16 מיליאן דאלאר פאר ניו ראשעל'ס LINC אויפלעבונג פלאן, און הייבט ארויס האוזינג עפארדעביליטי פארשריט אלס טייל פון איר "לאז זיי בויען" אגענדע**

***נאך וואס פעדעראלע רעגירונג סטראשעט צו צושטערן LINC פראיעקט דורך שניידן געלטער, וועלן נייע סטעיט געלטער אנפולן דעם לאך צו פאראויסריקן דעם פראיעקט***

***די LINC וועט צושטעלן נייע גרינע ערטער און פארבעסערטע פארבינדונגען פאר ניו ראשעל צו שטיצן אנגייענדע וואוקס און אנטוויקלונג***

***ניו ראשעל'ס האוזינג עפארדעביליטי פארשריט איז א "לאז זיי בויען" געשיכטע פון הצלחה, מיט 4,500 נייע דירות געבויעט און א 5% רעדוקציע אין רענט וואוקס***

***גאווערנער האקול'ס "לאז זיי בויען" פארשלאג וועט העלפן מער קאמיוניטיס דורכאויס ניו יארק בויען מער האוזינג, פארקס און אינפערסטראקטור***

גאווערנער Kathy Hochul (קעטי האקול) האט היינט געמאלדן 16 מיליאן דאלאר אין סטעיט פינאנצירונג וואס איז געשאנקען געווארן צו פאראויסריקן ניו ראשעל'ס LINC (פארבינדן אינאוואציע, נאטור און קאמיוניטי, Linking Innovation, Nature, and Community) פראיעקט. די היינטיגע מעלדונג פולט אן א פינאנצירונג לאך וואס האט באדראעט צו צושטערן די LINC פראיעקט ווען די פעדעראלע רעגירונג האט צוריקגעצויגן די נויטיגע געלטער. יעצט אז ניו יארק סטעיט האט זיך פארפליכטעט צו די 16 מיליאן דאלאר וואס פעלט זיך אויס צו אנפולן דעם לאך, קען די וויכטיגע פראיעקט פארזעצן. LINC וועט צושטעלן א פארבינדונג צווישן די דאונטאון געגנט, די באן סטאנציע, די ביבליאטעק און לינקן עוועניו צו שטיצן לאקאלע איינוואוינער און ביזנעסער אין די צייט וואס די סיטי זעצט פאר צו זעהן א שטארקע העכערונג אין עקאנאמישע וואוקס און אנטוויקלונג.

אלס טייל פון איר "לאז זיי בויען" (Let Them Build) אגענדע, האט גאווערנער Hochul (האקול) היינט אויך באזוכט Stella האוזינג פאזעס 1 און 2 און ארויסגעהויבן די אנגייענדע הצלחה פון אלע סארטן האוזינג דעוועלאפמענטס דורכאויס ניו ראשעל, אריינגערעכנט מארקעט-ראטע, געמישטע אייגנקונפט און עפארדעבל דעוועלאפמענטס, וואו צוזאמענארבעט צווישן די סיטי, סטעיט, קאונטי און אנדערע פאראינטערעסירטע האט געברענגט צו די שאפונג פון אומגעפער 4,500 נייע היימען זייט 2020. צו פארזעצן מיט די פארשריט און פארמערן עפארדעביליטי אין קאמיוניטיס דורכאויס ניו יארק, האט גאווערנער Hochul (האקול) אויך ווייטער ארויסגעהויבן איר "לאז זיי בויען" פארשלאג — א סעריע

היסטארישע רעפארמען צו פארשנעלערן האוזינג און אינפערסטראקטור אנטוויקלונג און אראפברענגען קאסטן אלס טייל פון איר 2026 סטעיט פון די סטעיט.

"שניטן דורך די Trump (טראמפ) אדמיניסטראציע באדראעט צו צושטערן די LINC פראיעקט פאר די ניו ראשעל קאמיוניטי — און דערפאר קום איך דא אריין צו אנפולן דעם לאך און פארזיכערן אז די וויכטיגע פלאן קען פאראויסגיין," **האט גאווערנאר Hochul (האקול) געזאגט.** "דורך טראנספארמירן א פארעלטערטע הייוועי צו גרינע ערטער, פארזיכערטע גאסן און בליענדע פובליק צאמקום ערטער, טוען מיר צוזאמברענגען קאמיוניטיס וועלכע זענען געוועהן צוטיילט פאר לאנגע דורות. די סיטי פון ניו ראשעל איז א גוטע ביישפיל פון וואס מען קען אלס אויפטוהן ווען מיר ערלויבן מוניציפאליטעטן צו בויען, בויען, בויען."

**סטעיט סענאט מאיאריטעט פירער Andrea Stewart-Cousins (ענדריע סטוארט-קאזינס) האט געזאגט,** "פאר צענדליגע יארן, האט מעמאריעל הייוועי אפגעטיילט לינקאן עוועניו פון דאונטאון ניו ראשעל, באגרעניצנדיג געלעגנהייט און אפשוואכנדיג אן אמאל-בליענדע שווארצע קאמיוניטי. די LINC פראיעקט וועט צוריק פארבינדן די געגנטער, שאפן בליענדע פובליק ערטער, און העלפן פאררעכטן לאנג-אנהאלטנדע אומ'יושר'דיגקייטן. איך בין שטאלץ צו העלפן אנהויבן די באמיאונג דורך די דאונטאון אויפלעבונג איניציאטיוו (Downtown Revitalization Initiative), און מיט 16 מיליאן דאלאר אין נייע פינאנצירונג, זענען מיר נענטער ווי סיי ווען דאס צו פארווירקליכן. איך דאנק גאווערנאר Hochul (האקול) פאר איר אנגייענדע מיטארבעט פאר א מער פארזיכערטע, מער גלייכבארעכטיגטע ניו יארק."

**סטעיט סענאטאר Nathalia Fernandez (נאטאליא פערנאנדעז) האט געזאגט,** "אזעלכע אינוועסטירונגען ציינגן וויאזוי גוטע רעגירונג קען אויסזעהן: פארשטערקערן די פלעצער וועלכע פארבינדן אונזערע קאמיוניטי און מאכן זיכער אז פארשריט בענעפיטירט די מענטשן וועלכע רופן שוין ניו ראשעל זייער היים. גאווערנאר Hochul'ס (האקול) 16 מיליאן דאלאר פארפליכטונג צו די LINC פראיעקט וועט פארבעסערן פארבינדונגען צווישן אונזערע געגנטער בשעת'ן שאפן גרינערע, מער באגריסנדע פובליק ערטער. ניו ראשעל'ס האוזינג פארשריט ווייזט אז מיר קענען אויסברייטערן אפציעס און פארגרינגערן דעם דרוק אויף טענענטס, אבער עס טוט אויך באפעסטיגן א פשוט'ע אמת: וואוקס ארבעט דאס בעסטע ווען עס קומט צוזאמען מיט די ריכטיגע אינפערסטראקטור, אפענע ערטער, און מחשבה איבער די כאראקטער פונעם געגנט."

**אסעמבלי מיטגליד Steve Otis (אוטיס) האט געזאגט,** "די LINC איז ניו ראשעל'ס מערסט טראנספארמירנדע פראיעקט אין לאנגע דורות, א פלאן אויסגעשטעלט לויט די וויזיע פון די פובליק צו סערווירן קאמיוניטי הנאה, רוח און געברויכן. גאווערנאר Hochul (האקול) אנערקענט וואס די פלאן באדייט פאר די מענטשן פון ניו ראשעל און וואס די חלום פון א נייע היסטאריע פאר'ן סיטי מיינט פאר אונזער קאמיוניטי. א דאנק, גאווערנאר Hochul (האקול), פאר'ן טרעפן די געלטער וואס מיר האבן געזוכט צו פארווירקליכן ניו ראשעל'ס וויזיע."

**אסעמבלי מיטגליד Amy Paulin (עימי פאולין) האט געזאגט,** "די LINC פראיעקט וועט פארוואנדלען עפעס וואס איז פאר לאנגע יארן געוועהן אן אפהאלט צו קאמיוניטי פארבינדונג צו א נוצבארע פובליק ארט וואס ברענגט צוזאם מענטשן. איך בין אויך שטארק צופרידן צו זעהן ווי ניו ראשעל זעצט פאר צו פירן דעם וועג אין בויען אלע סארטן נייע האוזינג. א דאנק פאר גאווערנאר Hochul (האקול) פאר איר פירערשאפט און שטיצע צו ערמעגליכן די אינוועסטירונג. וואס פאסירט אין ניו ראשעל ווייזט וואס איז אלס מעגליך ווען די סטעיט און די סיטי ארבעטן צוזאמען צו אינוועסטירן אין קאמיוניטי-באזירטע אנטוויקלונג."

די LINC פראיעקט איז ניו ראשעל'ס פלאן צו טראנספארמירן א חלק פון מעמאריעל הייוועי — אריגינעל געבויעט צוריק אין די 1960'ער יארן און זייענדיג פאראנטווארטליך פאר'ן צוטיילן א היסטאריש-שווארצע געגנט — צו א ליניער פארק און קאמיוניטי פארבינדער. די פראיעקט וועט בעסער צופאסן די גרויסקייט פון די עקזיסטירנדע זעקס-לעין הייוועי אלס א לאקאלע שאסיי און גרינע קארידאר, פארבינדנדיג דאונטאון, די באן סטאנציע, די פובליק ביבליאטעק און לינקאן עוועניו. LINC וועט שאפן פארזיכערטע און שיינע פיס-גייער קראסינגס, ביציקל ליניעס, פארוויילונג פלאץ און צאמקום ערטער, ערזעצנדיג א לאנג-שטייענדע פיזישע און געזעלשאפליכע אפהאלט מיט א געמיינזאמע קאמיוניטי אסעט וואס ערמעגליכט איינוואוינער און לאקאלע ביזעסער צו בענעפיטירן פון דאונטאון אויפלעבונג און עקאנאמישע וואוקס. בויענדיג אויף די סיטי'ס 2018 דאונטאון אויפלעבונג איניציאטיוו אווארד, טוט LINC שטיצן מער ווי 11,000 האוזינג יוניטס שוין אטאריזירט און קען אויפעפענען נאך 1,500 נייע יוניטס.

**עמפייער סטעיט אנטוויקלונג (Empire State Development) פרעזידענט, CEO און קאמישענער Hope Knight (האופ נייט) האט געזאגט,** "די LINC וועט בויען אויף די סטעיט'ס פארגאנגענע אינוועסטירונגען אין ניו ראשעל דורך פאראויסריקן באמיאונגען צו פארבעסערן פארבינדונגען און שאפן באקוועמע און אריינגעמנדע ערטער. ווי אויך, טוט די סיטי'ס אנגייענדע ארבעט צו שאפן מער האוזינג צוגעבן צו די וויכטיגקייט פון גאווערנאר Hochul'ס (האקול) 'לאז זיי בויען' אגענדע, וואו פארשטענדליכע רעפארמען וועלן אוועקנעמען אומנויטיגע ביוראקראטיע און שטיצן נייע וואוקס וואס פארשטערקערט קאמיוניטיס דורכאויס ניו יארק סטעיט."

**ניו יארק סטעיט היימען און קאמיוניטי באנייאונג (Homes and Community Renewal) קאמישענער RuthAnne Visnauskas (רוט-ען ווינאסקעס) האט געזאגט,** "די LINC פראיעקט בויעט אויף די איבער 11,000 היימען וואס מען האט שוין געבויעט, פרעזערווירט, אדער זענען אונטערוועגנס אין ניו ראשעל זייט 2020 וועלכע טוען צושטעלן גלעלעגנהייטן און סטאביליטעט צו הויזגעזונדן און מענטשן פון אלע יארגענג און איינקונפט שטאפלען, בשעת'ן שאפן א גוט-פארבינדענע, בליענדע שטאטישע קאמיוניטי. די LINC איז די סארט איניוואטיווע אויפלעבונג איניציאטיוו וואס וועט ווייטער פאראויסשטופן ניו ראשעל און עס מאכן מער עפארדעבל און אינטערעסאנט פאר איינוואוינער, ביזנעסער און באזוכער. די מעלדונג, צוזאמען מיט די גאווערנאר'ס 'לאז זיי בויען' אגענדע, וועט האבן א טראנספארמירנדע השפעה אויף ניו ראשעל און אויף קאמיוניטיס לענגאויס דעם סטעיט."

**ניו יארק סטעיט סעקרעטאר פון סטעיט Walter T. Mosley (וואלטער ט. מאוזלי) האט געזאגט,** "די סטעיט דעפארטמענט (Department of State) איז שטאלץ פון אונזער ראלע אין שאפן מער געלעגנהייטן פאר ניו יארקער. אונזערע פראגראמען טוען שטיצן עקאנאמישע וואוקס און סטאביליטעט, בויען שטארק-נויטיגע האוזינג, און שטיצן דשאב וואוקס. מיט די גאווערנאר'ס "לאז זיי בויען" אגענדע, וועט א שנעלערע, גרינגערע באשטעטיגונג פראצעדור ערמעגליכן פריעקטן זיך שנעלער פאראויסצוריקן. מיר אפלאדירן גאווערנאר Hochul (האקול) פאר איר וויזיע."

**DASNY פרעזידענט און CEO Robert J. Rodriguez (ראבערט דשעי. ראדריגועז) האט געזאגט,** "DASNY איז שטאלץ צו שטיצן באמיאונגען וועלכע ברענגען קריטישע אינוועסטירונג צו קאמיוניטיס דורכאויס ניו יארק. אונזער ארבעט צו פינאנצירן, בויען און פארטיילן גרענטס פאר אינפערסטראקטור פריאעקטן געבט אונז א קלארע בליק איבער וויאזוי פארשפעטיגונגען קאסטן צייט און געלט וואס קאמיוניטיס קענען זיך נישט ערלויבן. מיט גאווערנאר Hochul'ס (האקול) 'לאז זיי בויען' אגענדע, וועט א שנעלערע, מער גרינגע באשטעטיגונג פראצעדור זיי העלפן פאקטיש אנהויבן די פראיעקטן צו סערווירן די ניו יארקער וואס דארפן עס די מערסטע. מיר אפלאדירן די גאווערנאר פאר איר וויזיע און קוקן ארויס צו שטיצן די וויכטיגע ארבעט."

**וועסטשעסטער קאונטי עקזעקיוטיוו Ken Jenkins (קען דשענקינס) האט געזאגט,** "בשעת וואס מיר אנערקענען שווארצע היסטאריע חודש (Black History Month), איז וויכטיג אז מיר קוקן אריין נישט בלויז אין די אויפטואונגען פון די אפריקען-אמעריקאנע קאמיוניטי, נאר אויך אין די פאליסיס און אינפערסטראקטור באשלוסן וועלכע האבן פאראורזאכט עכטע שאדן. די בוי ארבעט וואס האט צוטיילט די געגנט צענדליגע יארן צוריק האט שווער אפעקטירט שווארצע פאמיליעס, מער ווי אנדערע געמיינדעס, און אפגעשוואכט אן אמאל-בליענדע קאמיוניטי. די היינטיגע 16 מיליאן דאלאר אינוועסטירונג פארזיכערט אז די LINC וועט זיך ריקן פאראויס און אנהויבן פאררעכטן יענער שאדן. די פראיעקט מיינט מער ווי בלויז אינפערסטראקטור - עס איז וועגן גלייכבארעכטיגונג און געלעגנהייט. גאווערנאר Hochul'ס (האקול) פירערשאפט שיקט א קלארע מעסעדש אז ניו יארק שטייט מיט קאמיוניטיס וועלכע זענען היסטאריש-באזייטיגט געווארן, אפילו ווען עס פעלט פעדעראלע פינאנצירונג."

**סיטי פון ניו ראשעל מעיאר Yadira Ramos-Herbert (יאדירא רעימאס-הערבעט) האט געזאגט,** "איך וויל באמת באדאנקען גאווערנאר Hochul (האקול) פאר די אויסערגעווענטליכע 16 מיליאן דאלאר אינוועסטירונג אין ניו ראשעל. זי איז געוועהן א שטאנדהאפטיגע שטיצער גלייך פונעם אנהויב און א קריטישע שותף אין פארזיכערן די פינאנצירונג וואס מען דארף אנצוהאלטן די פארשריט פונעם LINC. די שטיצע טוט פאראויסריקן א טראנספארמירנדע אונטערנעמונג וואס טוט פארשטערקערן עקאנאמישע פארבינדונג, שטיצן ארבעטנדע פאמיליעס, און פארזיכערן אז אין די צייט וואס ניו ראשעל וואקסט, טוען מיר עס אדורכגעטראכטערהייט און אויף א וועג וואס בענעפיטירט איינוואוינער סיי היינט און סיי אין קומענדיגע דורות. מיר זענען דאנקבאר פאר די סטעיט'ס מיטארבעט און געמיינזאמע פארפליכטונג צו יענער וויזיע."

אין ניו ראשעל, האט צוזאמענארבעט צווישן די סיטי, סטעיט און אנדערע פאראינטערעסירטע געפירט צו די שאפונג פון אומגעפער 4,500 נייע היימען זייט 2020, מיט נאך 6,500 וואס זענען אונטערוועגנס. די שטארקע וואוקס אין האוזינג קאנסטרוקציע צייגט וויאזוי בויען אלע סארטן האוזינג פאר א ברייטע אויסוואהל פון הויזגעזונדן טוט פארבעסערן עפארדעביליטי פאר יעדער איינער, פירנדיג צו א פינעף פראצענט רעדוקציע אין רענט וואוקס אין ניו ראעשל פון 2020 ביז 2023. א Pew שטודיע האט געפונען אז ניו ראשעל האט געהעכערט יערליכע האוזינג פערמיטס פון 39 יוניטס אין 2017 צו 989 נייע היימען א יאר, וואס האט צוגעגעבן צו א רעדוקציע אין דורכשניטליכע רענט וואוקס פון 12 פראצענט אין 2017-2020 צו זיבן פראצענט אין 2020-2023 אין א צייט וואס רענט פרייזן איבער'ן לאנד האבן זיך מיט דאפטלע ציפערן.

גאווערנאר Hochul (האקול) האט באזוכט האוזינג דעוועלאפמענטס פינאנצירט דורך די סטעיט צו זעהן די פארשריט, אריינגערעכנט Stella פאזע 1, א פארטיגע געמישטע-איינקונפט רענטעל דעוועלאפמענט, און Stella פאזע 2, אן עפארדעבל האוזינג קאנדאמיניעם דעוועלאפמענט וואס מען האלט יעצט אינמיטן בויען, ביידע וואס געפונען זיך נעבן טראנזיט מיט סערוויס אויף מעטרא-נארט ( Metro North).

**העלפן אונזער געמיינדעס בויען די האוזינג וואס מיר דארפן**

ווען גאווערנאר Hochul (האקול) איז אריין אין אפיס, האט זי פארשפראכן צו באקעמפן די האוזינג קריזיס און אראפברענגען קאסטן דורך בויען די האוזינג וואס ניו יארקער דארפן אזוי וויכטיג כדי מער שווער-ארבעטנדע הויזגעזונדן און פאמיליעס זאלן זיך קענען ערלויבן א פלאץ צו רופן זייער היים.
פונדעסטוועגן, טוט צופיל קריטיש-נויטיגע עפארדעבל האוזינג אנטוויקלונג געצווינגען אדורכצוגיין א נעץ פון ביוראקראטישע שוועריגקייטן געשאפן דורך סטעיט מאנדאטן וועלכע לייגן צו אומנויטיגע קאסטן און יארן פון אומנויטיגע פארשפעטונגען, כאטש וואס מען האט שטענדיג געפונען אז די פראיעקטן האבן נישט קיין שום באדייטנדע אפעקטן אויפ'ן ענווייראנמענט. שטודיעס האבן אפגעשאצט וויאזוי סטעיט-געפאדערטע ענווייראנמענטאלע איבערזיכט קען פארשטייטערן האוזינג פראיעקטן מיט א דורכשניט פון צוויי יאר, אפקאסטנדיג הונדערטע טויזנטער דאלארן פאר יעדער פראיעקט, אין א צייט וואס ד לעצטע

זאך וואס ניו יארקער קענען זיך ערלויבן איז צו ווארטן פאר די האוזינג וואס זיי דארפן צו קענען ווייטער וואוינען און מצליח זיין אין ניו יארק.

כדי צו פארשנעלערן די אויפבוי פון האוזינג צו שאפן א מער עפארדעבל און סוסטעינעבל ניו יארק, האט גאווערנאר Hochul (האקול) פארגעשלאגן צו טוישן די סטעיט ענווייראנמענטאלע קוואליטעט איבערזיכט אקט (State Environmental Quality Review Act, SEQRA) צו אויסשליסן געוויסע סארטן האוזינג פראיעקטן וועלכע האבן נישט קיין שום באדייטנדע ווירקונג אויפ'ן ענווייראנמענט פון זיין אויסגעשטעלט צו נאך SEQRA איבערזיכט. האוזינג וואס איז נישט אויסגעשטעלט צו SEQRA וועט נאכאלס דארפן נאכקומען קריטיש-וויכטיגע סטעיט רעגולאציע און פערמיט פארדערונגען וועלכע פארפיגן אויף וואסער באנוץ, לופט קוואליטעט, ענווייראנמענטאלע גערעכטיגקייט און באשיצונג פון נאטורליכע ריסאורסעס. די פארשלאג שטייגט נישט העכער פון לאקאלע זאונינג און אנדערע פערמיט פארלאנגען, און האוזינג וואס איז אויסגעשלאסן דערפון מוז זיך געפונען אינדרויסן פון געגנטער אויסגעשטעלט צו פארפלייצונגען כדי צו זיין קוואליפיצירט.

יארן פון ערפארונג סיי אין ניו יארק סיטי און דורכאויס דעם סטעיט, וואס האט אריינגענומען מער ווי א טויזענט פראיעקטן, האט געוויזן אז כמעט קיין איינער פון אזעלכע סארט פראיעקטן האבן נישט געהאט קיין באדייטנדע ענווייראנמענטאלע ווירקונגען, אבער זענען פונדעסטוועגן געווען אויסגעשטעלט צו פארצויגענע איבערזיכטן. די רעפארמען וועלן פארשנעלערן דאס צושטעלן שטארק-נויטיגע האוזינג און רעדוצירן די קאסטן פון בויען אויף וועגן וואס זענען אין איינקלאנג מיט סוסטעינעבעל און ענווייראנמענטאל-באשיצנדע אנטוויקלונג, אראפברענגנדיג די קאסטן פון האוזינג און רענט לענגאויס דעם סטעיט בשעת'ן באשיצן אונזערע נאטורליכע ריסאורסעס.

**פארשנעלערן קריטישע אינפראסטרוקטור פראיעקטן וואס ניו יארקער פארלאזן זיך אויף**

גאווערנאר Hochul (האקול) האט אויך פארגעשלאגן אנצופירן די שנעלערע, ביליגערע צושטעלונג פון א ברייטע אויסוואהל פון בייהילפיגע אינפערסטראקטור פראיעקטן אויף וואס ניו יארקער זענען אנגעוויזן. ספעציפיש, האט די גאווערנאר פארגעשלאגן צו טוישן SEQRA'ס קלאסיפיקאציעס צו געבן אן אויסנאם פאר די פאלגנדע וויכטיגע קאטעגאריעס פון אינפערסטראקטור וועלכע קומען נאך ספעציפישע באדינגונגען פון זיין אויסגעשטעלט צו מער SEQRA איבערזיכט צו קענען שנעלער אנהויבן סערווירן ניו יארקער:

- ריינע וואסער אינפראסטרוקטור: קריטישע וואסער אינפערסטראקטור וואס פארמיידט אפעקטן אויף נאטורליכע ריסאורסעס.
- גרינע אינפראסטרוקטור: נאטור-באזירטע שטורעם וואסער פארוואלטונג.
- פארקס און טרעילס: פובליק פארקס און פארוויילונג ביציקל\פיסגייער וועגן
- טשיילד קעיר: נייע אדער איבערגעמאכטע טשיילד קעיר צענטערן
- גאווערנאר Hochul'ס (האקול) פארשלאג וועט האלטן די שנעלערע ענווייראנמענטאלע איבערזיכט פראצעדורן בלויז פאר אינפערסטראקטור וואס וועט זיך געפונען אין געגנטער וואו מען האט שוין געבויעט אין פארגאנגענהייט, באשיצנדיג אונזערע נאטורליכע ריסאורסעס און אומבארירטע שטחים בשעת'ן פארשטערקערן אונזערע געגנטער. די גאווערנאר'ס צוגאנג קען ברענגען פאקטישע ענווייראנמענטאלע פארדינסטן אריינגערעכנט פארבעסערטע לופט און וואסער קוואליטעט, א רעדוקציע אין גרינהאוז גאז עמישענס, און די באשיצונג פון קריטישע העביטעטס, אין פארגלייך צו פאליסיס וואס מוטיגן אויסשפרייטונג און אומפאראנטווארטליכע אנטוויקלונג פון נטורליכע ערטער.

יעצט זענען די צייטן פון SEQRA איבערזיכט גאר אנדערש לענגאויס פראיעקטן, וואס מאכט אז לאקאלע געמיינדעס, פראיעקט שטיצער און סטעיט אגענטורן פארגלייך זאלן נישט קענען פארשאצן ווי לאנג עס וועט נעמען. דורך אוועקנעמען אומנויטיגע ביוראקראטיע, האט גאווערנאר Hochul (האקול) פארגעשלאגן צו:

- צושטעלן שנעלערע באשלוסן פון לאקאלע קאמיוניטיס דורך אוועקשטעלן קלארע צייט-אפשניטן פאר ענווייראנמענטאלע אפעקטן סטעיטמענטס און שטיצן פאראנטווארטליכקייט
- פארגרינגערן ענווייראנמענטאלע ווירקונג סטעיטמענטס צו שניידן די צייט וואס אן איבערזיכט נעמט פאר וויכטיגע פראיעקט קאטעגאריעס
- מאדערניזירן ניו יארק'ס פערמיט פראצעדורן צו שפארן צייט און געלט פאר לאקאליטעטן דורך פארבעסערן פראצעדורן און זיך באנוצן מיט נייע טעכנעלאגיעס
- פארשנעלערן גרויסע סטעיט אינפערסטראקטור פראיעקטן צו שנעלער סערווירן ניו יארקער
- שטיצן לאקאלע קאמיוניטיס דורך א נייע פערמיט אקאדעמי

###


נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן